# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

**פרשת ויחי, י"ד טבת תש"פ לפ"ק**
**שנה א' גליון ט"ו**


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות........................................4:28
מוצאי שבת קודש..................................6:00

## א מעשה פון תפלה

### יענקי יאקאבאוויטש

שבת צופרי פאר'ן דאווענען האט אויסגעזעהן אז די ראש ישיבה גייט נישט פארלערנען די פעולת הצדיק שיעור אזוי ווי געפלאנט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטען אז עס זאל יא זיין א שיעור, און למעשה האט מען נישט געטראפן ווי מען האלט און מען האט זיך אנגעהויבן צו גרייטן צו גיין דאווענען, איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטען און די אייבערשטער האט געהאלפן אז איינער איז געקומען מיט די זמנים צעטל פון די שבת אז עס שטייט די זמן פון שחרית 9:30 און יעצט איז נאך פריער, האט די ראש ישיבה זיך צוריק אויסגעדרייט און פארגעלערנט זייער א שיינע שיעור ברוך השם.

### יענקי יאקאבאוויטש

שבת צופרי האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז די ראש ישיבה זאל דאווענען שחרית פאר'ן עמוד אבער עס האט נישט אויסגעזעהן אז עס גייט למעשה געשעהן ווייל ער האט געדארפט האבן זיין קול פאר נאך דרשות, און די אייבערשטער האט געהאלפן אז די ראש ישיבה איז למעשה יא צוגעגאנגען צום עמוד און עס איז געווען א מורא'דיגע ווארימע דאווענען. שכח אייבערשטער !

### אברהם יהושע וועבערמאן

פארגאנגענעם שבת סיום הש"ס פאר יעדע שיעור האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל מיר שטארק מחזק זיין און ברוך השם אז יעדע איינציגסטע שיעור האט מיר זייער שטארק מחזק געווען.

## מודעה

סדר השיעורים יעדן טאג

שיעור דף היומי ........................ 5:30 פארטאגס
כולל בוקר ................................. 6:00 ביז 7:00
שיעור דף היומי ...................... 8:30 פארנאכטס

## נייעס אין שטעטל

### הילולת מוהרנ"ת

מאנטאג אויפדערנאכט איז מען זיך צאמגעקומען צו די הילולא פון הייליג'ן רבי נתן זצ"ל ווי עס איז געווען צוגעגרייט א הערליכע סעודה צוגעשטעלט דורך די משפחות אין שטעטל, מען האט זיך געוואשן צום סעודה אום 8:00 דערנאך האט מען געזינגען ווארימע אידישע ניגונים, דאן איז מכובד געווארן צו רעדן הר"ר אברהם משה שטראסער שליט"א מנהל המוסדות ווי ער האט ארום גערעדט ווער די הייליגער רבי נתן איז געווען, פאר ער איז מקורב געווארן צום הייליג'ן רבי'ן איז ער געווען ביי אסאך גרויסע צדיקים, און זיי האבן אים זייער ליב געהאט, רבי נתן נאך פאר ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן איז ער שוין געווען זייער א גרויסע תלמוד חכם, ער פלעגט זיך פארהערן מיט זיין חברותא אלע תוספות פון גאנץ ש"ס אויף אויסענווייניג.

די הייליגע רבי האט געהאט זייער גרויסע תלמידים אבער געבליבן איז נאר פון רבי נתן ווייל ער האט זיך אינגאנצן מבטל געווען צום הייליג'ן רבי'ן, ער פלעגט זאגן "איך האב זיך אינגאנצען אויסגעליידיגט מיין שכל וואס איך האב געהאט, און יעדע דיבור וואס איך האב געהערט פון רבי'ן איז געווען פאר מיר נאך א שטיק שכל.

עס איז דא מענטשן וואס זאגן אז זיי האבן אפאר רבי'ס פון וועם זיי זענען מקבל הדרכות אין לעבן, וואס פאסירט איז – ווען זיי קומען צום אמת'ן צדיק פארשטייט ער נישט אסאך זאכן פארוואס זאגט די צדיק דא אזוי און דא אזוי, דאס איז אלץ ווייל ער איז מקבל פון נאך פלעצער, עס איז פונקט ווי איינער וואס האט א שמוציגע טאפ און וויל יעצט אריין לייגן פרישע עסן אויף די אלטע שמוץ, דאס זעלבע איז ווען מען גייט צו א רבי דארף מען זיך קודם אויסליידיגן פון די אלטע שמוציגע שכל וואס מען האט, נאר אזוי קען מען זיין א ריכטיגע כלי צו מקבל זיין פון דעם רבי'ן.

# וואס נעם איך ארויס פון דעם שבת סיום הש"ס?

## אברהם משה שטראסער

די מעשה פון בעל שם טוב אלץ קליין קינד וויאזוי ער איז געבליבן א יתום און זיין טאטע האט אים געזאגט "ישראליק דו ביסט נישט אליין די אייבערשטער איז מיט דיר און וואס דו דארפסט בעט פון אים" דאס האט מיר ממש איבערגענומען, בפרט ווען די ראש ישיבה האט אויפגעשטעלט דארט א אינגל אויפ'ן בענקל און געוויזן פאר יעדן איינעם אז אזוי אלט ווי דער אינגל איז, אזוי אלט איז די בעל שם טוב געווען דעמאלטס.

## יענקי יאקאבאוויטש

1) איך האב ארויסגענומען מורא'דיגע התחזקות צו לערנען דעם דף יעדן טאג אן קיין תירוצים, דאס מאכט דעם מענטש זאט און צופרידן יעדן איינציגסטן טאג.

2) די אמונה אין די אייבערשטער איז מיר ממש פריש געווארן, איך האב געפילט ווי איך בין יעצט מקורב געווארן די ערשטע מאל און איך בין יעצט אריין געקומען צו די ערשטע שיעור אין ישיבה.

## שלמה יאקאבאוויטש

1) איך האב ארויסגענומען פון דעם שבת התחזקות צו לערנען אפילו אביסל יעדן טאג, עס גייט דורך זיבן יאר און מען האט געענדיגט גאנץ ש"ס

2) די גרויסקייט פון הפצה, מען האט געזעהן דעם שבת אזויפיל אידן וואס אלע זענען אנגעקומען צום רבי'ן אדאנק הפצה.

## יעקב משה אינדארסקי

מיין אמונה איז מיר געווארן דעם שבת מורא'דיג אויפגעבויעט מער ווי ביז היינט, די ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם זייער שטארק במשך דעם גאנצ'ן שבת, ווי למשל אויב קינדער זענען דערשראקן און זיי קענען נישט איינשלאפן פון שרעק, איז די איינציגסטע עצה אז מען זאל חזר'ן די אמונה, ארויפלייגן א גרויסע סיין אין שלאף שטוב און קיקן אויף דעם און רעדן צו זיך אליין "די אייבערשטער איז דא און ער היט מיך שטענדיג".

## אברהם יהושע וועבערמאן

פרייטיג צונאכטס האט די ראש ישיבה גערעדט זייער שטארק פון אמונה פשוטה, "מען קען נישט בארואיגן זיך און די קינדער מיט דעם וואס מען זאגט אז די פאליציי היט אונז, ווייל די פאליציי זענען אויך אנגעוואנדן אינעם אייבערשטען, און מען הערט יעדן שטיק צייט מעשיות ווי מען שיסט די פאליציי, די איינציגסטע אמת'ע עצה איז נאר צו חזר'ן אין שטוב די ריינע אמונה" וואס דאס האט מיר זייער זייער שטארק מחזק געווען.

## שמשון צבי טייטעלבוים

די ראש ישיבה האט אויסגעשמועסט אז היינטיגע צייטן איז די סמ"ך מ"ם אזוי כיטערע אזוי ווי די היינטיגע טעראריסטן וואס האלטן נישט מלחמה אזוי ווי אמאל ווען צוויי לענדער האבן זיך געקריגט און מען שטייט ביי די גרעניץ און מען שלאגט זיך ארום, נאר היינט קומען זיי אריין אין א שטאט און רייסן זיך אויף רח"ל, די סמ"ך מ"ם טוט היינט די זעלבע ליידער, מען קען שוין היינט נישט זעהן פון אינדרויסן ווער עס איז ערליך, מען קען זיצן ביי זיך אין שטוב און צאמקוקן כל עבירות שבעולם רח"ל, פארדעם דארף מען האבן א צדיק וואס זאל שטענדיג מחזק זיין אויף דעם.

## יוסף שניטצלער

איך האב ארויסגענומען מורא'דיגע התחזקות פון דעם וואס מען האט געזעהן דארט א גאנצע קהילה אבער צאמגעשטעלט פון אלע סארט אידן פון אלע קרייזן וואס דאס וועט זיין ווען משיח וועט קומען אז אלע אידן וועלן זיך ליב האבן און וועלן נאר דעם אייבערשטען אליין.

## מרדכי אהרן היילפרין

די שענסטע זאך פון די שבת איז געווען אז עס איז געווען נאך א געלעגנהייט צו הערן דרשות - עצות און שכל פון די ראש ישיבה שליט"א.

## שבתי מזרחי

איך בין געווארן א נייע מקורב פון דעם שבת, גלייך נאך הערן דעם ערשטן שיעור פרייטיג צונאכטס האב איך זיך געפילט אזוי פריש ווי ווען איך בין אנגעקומען פאר צען יאר צוריק.


iSecure
For all your low voltage technology needs.

Motty Heimlich
Phone: 347-738-1041
Email: motty@isecureny.com